ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
ר"ט
ויחי תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'

תתתתשעט) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער
**הגה"צ ר' שמואל בראך שליט"א** רב דקהל אפסי ארץ נאנאש

## ויט שכמו לסבול

מיין ברודער הב' החתן המו"מ דוד צבי ע"ה איז געווען פון די חשוב'ע תלמידים פון כ"ק רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער איז געווען גבאי אין די ישיבה. אלס חתן איז ער געווען אין ארץ ישראל, און זייענדיג י"ג מידות תשט"ז לפ"ק אויפן וועג צו די מקומות הק' אין צפת איז ער ל"ע אומגעקומען אין א עקסידענט.

אזוי ווי דער אומגליק איז געשעהן ממש פאר יום הקדוש האבן מיר נישט געוואלט שטערן דעם רבי'ן אין זיין הייליגע עבודה, און מ'האט אים גארנישט דערציילט, הערשט א צייט שפעטער ווען איך האב משמש געווען בקודש פנימה ביי רביה"ק זי"ע האב איך דערציילט דעם רבי'ן איבער דעם אומגליק.

האט זיך דער רבי אנגערופן מיט שטארקע דברי חיזוק, "עס שטייט אין פר' ויחי, יעקב אבינו האט געזאגט פאר ישׂשכר, וירא מנוחה כי טוב, אויב וויל א מענטש האבן מנוחה אויף די וועלט, און ער זאל נישט צובראכן ווערן פון אלע געשעהענישן וואס קומען אויף א מענטש, ויט שכמו לסבול, דארף ער קענען מקבל זיין אויף זיך אלע זאכן וואס קומען אויף איהם פון הימל". (יעקב הכהן בהגרי"ד גלאנץ, יעקב הכהן ברא"י גלאנץ)

תתתתשפ) עס דערציילט מיין זיידע
**הרה"ח ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן הי"ו**

## "המלאך הגואל" פאר א חתן

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ע"ה (משמש) אז זיין אויפרוף איז געווען שב"ק פר' ויחי, און ער האט עולה געווען בבית מדרשו פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.**

כמנהגו איז דער רבי געווען דער בעל קורא יעדע וואך, און דער חתן האט עולה געווען לוי. דער רבי האט ביי אים געליינט ביז שלישי, און ער האט אויסגעלאזט ביי אים "וידגו לרוב בקרב הארץ".

נאכדעם האט דער רבי געזאגט "עס איז געווען אמאל א מנהג אז פאר א חתן האט מען געליינט המלאך הגואל". (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן)

תתתתשפא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אברהם מאיר איצקאוויטש הי"ו**

## פארן און קומען

בשנת תשל"ח לפ"ק האב איך געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, בין איך אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** זיך געזעגענען.

פרעגט מיך דער רבי פארוואס איך פאר קיין ארץ ישראל, האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז מיין פאטער הרה"ח ר' בן ציון ע"ה ליגט דארט, און איך וויל גיין אויף קברי אבות.

זאגט מיר דער רבי "פארן און קומען, און זיך נישט זוימען". (שלמה מארקאוויטש, בן ציון איצקאוויטש, בערל פיש)

תתתתשפב) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' ישראל יודא נייםאן ע"ה**

## מחובר לטהור

דער זיידע איז געווען זייער אדוק ומקושר אין **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע,** דאס איז געקומען אמאל צום אויסדרוק ווען ערב סוכות תשכ"ג האט ער ל"ע באקומען א גאל-אטאקע וואס דאס איז שרעקליכע יסורים, האט ער באלד געשריגן "מ'זאל גיין זאגן פאר ר' שלום זאל מזכיר זיין ביים רבי'ן". (הרה"ח ר' שלום לויפער ע"ה, מיט וועמען ער פלעגט אינאיינעם עוסק זיין בעניני צדקה וחסד). האט מען געזעהן ווי די ערשטע זאך וואס איז אים געקומען אויפן געדאנק ווען ער האט געהאט ביטערע יסורים איז געווען דאס מזכיר זיין ביים רבי'ן.

ער איז דעמאלטס געווען עטליכע חדשים אין שפיטאל. במשך די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אין שפיטאל פלעגט דער רבי אפשטעלן אונזער פעטער הרה"ח ר' אשר הי"ו - וועלכער איז געווען א בחור אין די ישיבה - פרייטאג צונאכטס בשעת'ן זאגן "גוט שבת" און אים געפרעגט "וואס מאכט דער טאטע". (יעקב יושע שעהנברון)

תתתתשפג) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע
**הרה"ח ר' מאיר שטיין הי"ו**

## נישט אנגעקומען צום אמת

אין די תקופה וואס דער רבי האט געוואוינט אין ירושלים עיה"ק בשנת תש"ו לפ"ק, האב איך געלערנט אין די ישיבה פון מו"ר הגה"ק מהרי"צ **דושינסקיא זצוק"ל** גאב"ד ירושלים עיה"ק, איך האב זיך אסאך געדרייט ביים רבי'ן אין שטוב, און משמש געווען דעם רבי'ן מיט וואס עס איז שייך געווען.

איינמאל איז אריינגעקומען א איד און ער האט זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן אז ער האט שווערע צייטן און ער מוטשעט זיך זייער. בתוה"ד האט ער דערציילט אז ער האט א קרוב א גרויסער עושר און ער איז געווען ביי אים נאך א הלואה, אבער יענער וויל אים נישט בארגן קיין געלט.

זאגט אים דער רבי "זעהט אויס אז ער איז נאכנישט אנגעקומען צום אמת", דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט.

האט אים דער רבי מסביר געווען "אמ"ת איז ראשי תיבות מ'בשרך א'ל ת'תעלם, אויב דער איד מאכט זיך נישט וואוסנדיג פון א קרוב האט ער נאכנישט משיג געווען דעם אמת"... (אלימלך שטיין, אשר לעמיל שטיין)

תתתתשפד) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב הי"ו**

## האט מען מיך געהערט שעלטן א איד?!

ווען מיר זענען געווען בחורים אין קעמפ איז געווען איינגעפירט אז פאר די טשולענט האט מען געזינגען א ניגון אויף די ווערטער "וכל המינים כרגע יאבדו וכל אויבך מהרה יכרתו, ציוני'סטן, אגודי'סטן, מזרחי'סטן, זאל מען פארניכטן"...

בשנת תשכ"ט דעם ערשטן שבת אין קעמפ האט זיך אויפגעשטעלט דער מנהל המחנה הרב החסיד ר' יודל הכהן ראזענבערג ע"ה, און ער האט באריכות ארומגערעדט פאר די בחורים אז מ'זאל נישט זינגען דעם ניגון, און ער האט נאכגעזאגט אז דער רבי האט זיך שוין אויסגעדרוקט דערקעגן "מיין דרך איז נישט געווען צו שעלטן".

עס זענען אבער געווען עטליכע עזות פנים'ער, אזוי-גערופענע פאלשע 'קנאים', וואס האבן זיך מתחצף געווען און ווען רבי יודל ז"ל איז אריינגעקומען מוצאי שבת צו מלוה מלכה האבן זיי דוקא אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון. הגה"ח ר' שלום אליעזר ווייס זצ"ל דער מגיד שיעור פון די בחורים האט דעמאלטס געהייסן אלע תלמידים וואס זענען דערביי געווען זאלן גיין מפייס זיין רבי יודל ז"ל.

זונטאג אינדערפרי האט זיך רבי יודל נאכאמאל אויפגעשטעלט און געזאגט א דרשה, בתוך הדברים האט ער דערציילט "אזוי ווי עס איז געווען א איבערקערעניש, האב איך אנגעקאלט היינט אינדערפרי דעם רבי'ן קיין בעלל הארבער און איך האב געבעטן ר' עזריאל גליק אז ער זאל איבער פרעגן דעם רבי'ן וואס איז זיין מיינונג איבערן זינגען אזעלכע ניגונים, האט איך אליין געהערט ווי דער רבי ענטפערט פאר ר' עזריאל "וואס איז שייך צו פרעגן?! איך האב דאס שוין אסאך מאל געזאגט אז

דאס איז נישט מיין דרך פון שעלטן, איך האב אלעס אפגעשריבן אין ויואל משה, און דארט זאל מען זעהן וואס מ׳דארף טון״.

(ועי׳ בס׳ מפיהם ומפי כתבם מפי עדי שמיעה וואס זענען דערביי געווען ווען דער מנהל הישיבה הגה״צ **רבי נתן יוסף מייזעלס ז״ל** איז אריין צום רבי׳ן פרעגן זיין מיינונג איבער זינגען די ניגונים, האט דער רבי געזאגט בזה״ל:

״אוודאי נישט, מ׳טאר נישט אזוי זאגן, פון וואו האבן זיי דאס גענומען?! איך ווייס גארנישט פון וואו האבן זיי זיך דאס גענומען דאס שעלטן, מ׳האט דען מיך אמאל געהערט שעלטן?! מיר זאגן יעדן טאג וכל המינים כרגע יאבדו, השי״ת ווייסט ווער זיי זענען, די מינים, אבער שעלטן?!״, און ווען רבי נתן יוסף האט געפרעגט צי מ׳זאל דאס אפשטעלן האט דער רבי געזאגט ״אוודאי דארף מען דאס אפשטעלן״). (יואל מרדכי גאטליעב, אלי׳ גאטליעב, נחום מרדכי שפיטצער)

**תתתתשפה) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ משה פאגעל הי״ו

### <u>ער מיינט לשם שמים</u>

בשנת תרפ״ב לפ״ק איז געווען אן אסיפה אין די שטאט טשאפ, וואס דער מונקאטשער רב הגה״ק **בעל מנחת אלעזר** זי״ע האט פאררופן קעגן די אגודה. פאר די אסיפה איז ער געפארן קיין ווארשא און ער האט זיך דארט באגעגנט מיטן גערער רבי׳ן **בעל אמרי אמת** זצ״ל, וועלכער איז געווען דער נשיא האגודה און ער האט מיט אים גע׳טענה׳עט איבער דעם ענין.

עס האט מיר דערציילט הג״ר **צבי זשארקאווסקי** ז״ל אז ער האט געפרעגט דעם מנחת אלעזר פארוואס ער פארפירט אזוי שטארק קעגן דעם גערער רבי׳ן, האט ער געענטפערט ״אז איך נעם אים ארויס פון די אגודה קומט משיח״.

איך האב געהערט פון א גערער חסיד, אז ווען דער מנחת אלעזר איז געווען ביים גערער רבי׳ן האט ער מרוב חריפותו זיך אויסגעדרוקט ״אתם נותנים יד לפושעים״ עטליכע גערער חסידים האבן שוין אויסגעטון די גארטלעך און האבן אים געוואלט שלאגן ווילנדיג זיך אננעמען פאר זייער רבי׳נס כבוד. אבער דער גערער רבי האט געזאגט ״לאזט אים אפ, ער מיינט לשם שמים״... (שמעי׳ ברוך גאלד, ירמי׳ מאיר גאלד)

**תתתתשפו) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א משב״ק

### <u>כאטש א קאפיטל תהילים</u>

איך האב געהערט פון א איד וואס האט מיר דערציילט בשם איינעם פון די באי ביתו פון הגה״צ **רבי יונתן שטייף** זצ״ל האט ער באמערקט אז אלע חתונה בריוולעך (איינלאדענונגען) וואס קומען אן אויף די פאסט לייגט ער אוועק אין א לעדל שיין מסודר לויט די טעג, האט ער איהם געפרעגט מיט וואונדער פארוואס ער איז זיך אזוי נוהג ער וועט דאך למעשה נישט גיין צו אלע חתונות.

האט ער געענטפערט מיט תמימות ״אז א איד האט זיך מטריח געווען און אויסגעשטעלט און אוועק געשיקט פאר מיר א חתונה בריוול, קומט זיך איהם נישט אזויפיל אז איך זאל כאטש אין יענעם טאג זאגן כאטש א קאפיטל און מתפלל זיין אויפן זיווג אז זיי זאלן האבן אידיש נחת און כל טוב?!״. (יואל הכהן פריעדמאן, יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן)

**תתתתשפז) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ פנחס ישעי׳ קארנבלי הי״ו

### <u>געברענגט דעם שלום בית</u>

מיין מאמע ע״ה האט דערציילט אז אלס קינד האט זי געשפילט ׳באהאלטעלעך׳ צוזאמען מיט איר שוועסטער הרבנית מאפשא ע״ה, און דער שפיל איז געווען אז מ׳האט געשטעלט א שופט וואס האט געקוקט אויף אלע זייטן, און מ׳האט געשיקט א צווייטן זוכן ווער עס האט זיך באהאלטן, און דער שופט האט געזאגט ״הייס, קאלט״, צו געבן א סימן פאר די וואס זוכט וואו מ׳האט זיך באהאלטן.

האט מיין מאמע דערציילט: מיר זענען ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם פון אונזער הויז, ווען מיר זענען ארויפגעקומען אויפן בוידעם האבן מיר דארט געטראפן הונדערטער ׳קראגנס׳ פון העמדער שמוציג און פארשטויבט. (דער סדר איז געווען אין יענע צייט אז מ׳פלעגט גיין א גאנצע וואך מיטן זעלבן העמד, נאר מ׳האט יעדן טאג געטוישט דעם קראגן וואס מ׳האט צוגעקנעפלט צום העמד) זענען מיר אראפגעקומען און דערציילט פאר אונזער טאטן הגה״ח ר׳ מיכל פעלבערבוים ז״ל וואס מיר האבן געזעהן אויפן בוידעם.

דער טאטע איז ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם, און ער איז געבליבן שאקירט צו זעהן די הונדערטער קרעגן, ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן ווער עס האט דאס דארט אראפגעלייגט.

האט ער אויסגעפרעגט די מאמע צי זי ווייס וואס דאס איז. קודם האט זי נישט געוואלט דערציילן. צום סוף האט זי בלית ברירה דערציילט די מעשה, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אזא מעשה:

זי איז געווען א גרויסע צדיקת און בעלת חסד, זי האט באהאלטענערהייט געטון געוואלדיגע פעולות פון צדקה וחסד וואס קיינער האט נישט געוואוסט.

איינמאל איז זי געוואויר געווארן אויף א משפחה פון א תלמיד חכם אז עס איז דארט נישטא קיין שלום בית ל״ע. איינמאל ווען דער מאן איז געווען אין ביהמ״ד איז זי אריבער אין שטוב און געמאכט א שמועס מיט די פרוי צו זעהן צו זי קען העלפן צוריק שטעלן דעם שלום בית אין שטוב.

האט די פרוי זיך אויסגערעדט אז איר פאטער האט איר חתונה געמאכט צו א תלמיד חכם, אבער א בטלן שבבטלנים, ״מיין טאטע האט געגעבן צו די חתונה נדן 10 טויזענט גולדן, ער איז געפארן האנדלען און ער האט אלעס פאר׳תכל׳עוועט, דהיינו, ער איז געפארן אויף פראג, און ער האט דארט געקויפט הונדערטער קראגנס, און דער בטלן האט אהיימגעברענגט צוויי טויזענט קראגן. און קיינער וויל דאס נישט אפקויפן, און אזוי איז דאס גאנצע געלט געגאנגען לטמיון״. און דאס איז דער גורם צום אנגעצויגענעם מצב אין שטוב.

די מאמע האט אויפגעשיינט ״איר האט איבריגע קרעגן?! איך זוך גראדע שוין א לאנגע צייט צו קויפן א גרעסערע צאל קרעגן, פאר וויפיל וואלסטו דאס פארקויפט?!״...

די מאמע איז אהיים געגאנגען און געברענגט די גאנצע סומע געלט און אפגעקויפט אלע קרעגן, און כדי עס זאל נישט באוואוסט ווערן די מעשה האט זי דאס ארויפגעלייגט אויפן בוידעם און דארט געלאזט אפליגן, אלעס איז איר ווערט געווען אז זי האט געראטעוועט די שלום בית אין א אידישע שטוב. (חיים קארנבלי)

**תתתתשפח) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ יחזקאל שרגא פריעדמאן שליט״א

### <u>א שמחה מיטן ׳פלעש-לייט׳</u>

ווען עס איז ארויסגעקומען דער ׳פלעש-לייט׳ איז דאס געווען א חידוש אויף די וועלט אז מ׳קען האבן א קליינעם לעמפל אין די האנט, וואס איז נישט באהאפטן צו די וואנט. דער **נאסאדער רב** ז״ל האט זיך זייער געפריידט דערצו, און ער האט געבעטן אז מ׳זאל קויפן עטליכע דערפון. עס איז געווען א חידוש וואס האט דער נאסאדער רב אזא שמחה פון א גשמיות׳דיגע כלי.

שפעטער ווען מ׳האט נאכגעקוקט האט מען געזעהן אז ער האט דאס גענוצט צו קענען לערנען סתרי תורה באהאלטענערהייט אונטער די דאכענע האט מען פארשטאנען פארוואס ער האט זיך אזוי געפריידט דערצו. (יואל נתן פריעדמאן, משה ארי׳ פריעדמאן, יושע פריעדמאן, יושע לאנדא, יעקב משה פריעדמאן).

**תתתתשפט) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ נח גפן שליט״א שו״ב

### <u>די קועהן זענען געזונט געווארן</u>

ווען **רביה״ק בעל דברי יואל** זי״ע האט משמש ברבנות געווען אין קראלי האט ער געהאט צוויי קועהן פון וואס מ׳פלעגט מעלקן מילך יעדן טאג, און מ׳האט דערפון געשפייזט די משפחה און די גאנצע הויף.

איז געווען א תקופה וואס מ׳האט געזעהן אז די קועהן האבן אויפגעהערט צו געבן געהעריג מילך, און עס איז געווען א גרויסער הפסד ממון, איז מען געקומען מזכיר זיין ביים רבי׳ן אז די קועהן זענען קראנק און געבן נישט געהעריג קיין מילך.

דער רבי בגודל פקחותו האט פארשטאנען אז די ׳מחלה׳ איז עפעס אנדערש פון וואס די מענטשן מיינען, האט ער געזאגט אז עס איז דא א סגולה אז א בחור זאל שלאפן ביינאכט אין שטאל פון די קועהן. אז דער רבי האט אזוי געזאגט האט מען גענומען א בחור פון די ישיבה וועלכער איז געשלאפן ביינאכט אין א ווינקל אין שטאל.

אינמיטן די נאכט זעהט דער בחור ווי די טיר פון שטאל עפענט זיך און א גנב קומט אריין און ער מעלקט אויס די קועהן און מאכט פליטה מיט די מילך... דעמאלטס האט דער רבי געזאגט אז מ׳זאל געהעריג פארשליסן די שטאל וועלן די קועהן האבן א רפואה... (יואל יושע גפן, אליעזר גפן, לוי יצחק הכהן שעהנברון, משה גפן)